Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
שיקראמ, ץערעפ

Mosḳṿe, 1943

קעד-מאי נפא רעטניווצ א

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

און אומבאַזיגט אַדורכמאַרשירן מאָסקווע
מיט שאַרבנס בלאַנקענדע אַף אַרבל צוגענייט.
מיט קנעפּ זיך אומעטיק זיי וויגן אונטער גלאָז דאָרט,
פּונקט ווי טאַכריכימ׳ גרינע פֿון דער דײַטשישער אַרמיי.

די שטילקײַט אין מוזיי ז׳מיט שלאַכטיקײַט באַטרונקען,
אַ גאַוביצע צו דר׳ערד גיט זיך אַ בויג,
אונטער אַ פֿליגל אַ צעקנייטשטן פֿון אַ „יונקערס״
דרעמלט אַ טרויב באַנאַנד דאָרט מיט אַ פּויק.

עס האָט דער טויט אַף זיי געשפּילט איבער אייראָפּע,
איבער געקעפּטע און צעטראָטן-וויסטע שטעט.
פֿאַרוואָס באַגינט ניט דער פּאַראַד? וואָס איז דער אָפּהאַלט?
ס׳ווערן גערונגען די מאַזשאָרן, מאַיעסטעט!

פֿון ווינקל קוקט, אַראָפּגעלאָזט אין טרויער,
אַ ברוינע פֿאָן — אַ שאַרבן אין דער מיט;
ס׳זאָל זײַן אַ שפּין, וואָלט זי געקאָנט זיך אים פֿאַרטרויען,
ווי מ׳האָט פֿאַר מאָסקווע זי גענייט און זי געהיט,

איצט, ווי אַ ראָב צווישן בעסאַלמענדיקע רייען,
שטייט זי אין זאַל, באַלויכטענעם מיט פּראַכט,
וווּ ס׳שטייען אויסגעשטעלט די דײַטשישע טראָפֿייען
אַף פּאָסטאַמענטן אייגענע פֿון בראָך אין שלאַכט.

——— ★✦★ ———

# אַ צווינטער אַפֿן יאַם־דעק

פֿאַרגעס דעם וועג צוריק, געפּאַנצערטער פּיראַט,
ווען שווימסט אַרויס אַף מאָרד און רויב און אַף געפֿלעטן,
צולעצט באַקוק דעם ברעג, אַ ציילעם זיך באַשטאַט,
דו וועסט אים מער ניט זען און קיינמאָל ניט באַטרעטן!

געזעגן זיך אַף שטענדיק מיט דײַן ברוינעם סאַם!
ווי שווערדן זײַנען כוואַליעס שוימיקע געשליפֿן.
אַ צווינטער ליגט צעוואָרפֿן אַפֿן דנאָ פֿון יאַם,
און קאַסקעס, אָנגעטאָן אַף מאַסטביימער פֿון שיפֿן.

זיי וואַרטן דיך אין אונטערוואַסער־דיקן רײַך,
צעשטעלט אין אַ פּאַ־גליוועט-טויטער וואַך דאָרט,

דערקלערנ זאָלסטו זיי, וואָס פאר א לאנד אזא ערײַכט
זיי האָבנ זיגרײַכ אינ די יאמעדיקע שלאכטנ.

קיינ ווידערשטאנדנ מער זיי טרעפנ דאָ ניט אָנ,
דער קאנט — באהערשט, ענדגילטיק צוגעפאסט זיכ;
איבער די מייסים וויגט זיכ פלאטערדיק די פאָנ,
א טשערעפאכע קריכט אפ דער צעווייקטער סוואסטיק...

פארבראָכנ הוידענ שיפנ זיכ אינ טויטנ רופ,
מיט וואסער-וויקס פארפלאָנטערט אונ פארזונקענ.
לעמ יעדנ איינעמ — מיטנ בויכ ארופ,
ווי א צעקוועטשטע זשאבע, וואלגערט זיכ א „יונקערס״.

בא דעמ שטורוואל געבויגנ דרעמלט א פילאָט,
אימ דאכט זיכ אלצ נאָכ, אז ער פאלט אינ נידער;
נאָר קיינ סיגנאל: „אינ לופט״ שוינ מער פונ ערגעצ ניט באדראָט.
די פלאכנ אופהייבנ אונ זיי פאנאנדערנעמענ ווידער.

בא יעדנ רודער זיצט א טויטער קאפיטאנ.
ער קוקט מיט אויגנ גלעזערנע אונ קאָנ זיכ ניט דערמאנענ
דעמ גראָדנ ווײַטערדיקנ קורס פונדאנ,
אונ ניט דעמ טריִומפאלנ צריק-רייס קיינ גערמאניע.

געשווומענ זײַנענ טראנספאָרטנ, באוואכט געטרײַ,
געזענ זיי האָבנ דורכ בינאָקלענ שוינ די ווײַטע פיאָרדנ.
געשווומענ זײַנענ זיי, באלאָדענע מיט בלײַ,
אפ כאָרעוו מאכנ שטעט, אפ אופרײַסנ אונ מאָרדנ.

געשווומענ זײַנענ זיי אפ א פאראד פונ טויט
מיט שארבנ אינ דער הייכ דורכ גרענעצנ אונ ראנדנ
באגעגענע דאָס לאנד מיט פעכ אונ שרויט
אונ אינ בעסאלמענס דערפער בליִענדע פארוואנדלענ.

נאָר ס׳האָט א האפנ אפנ וועג געעפנט זיכ מיט פלאמ,
באגעגנט זיי אינ אָפגרונט האָט דער טויט מיט אנ אסיפע, —
א צווינטער ליגט צעוואָרפנ אפנ דנאָ פונ יאמ,
מיט קאסקעס אָנגעטאָנ אפ מאסטביימער פונ שיפנ.

צו יעדנ ריר זיי הערנ צו זיכ אקוראט
אונ קאָנענ קיינ גערמאניע ניט דערגיינ צוריק די וועגנ.

— פארגעס, פארגעס דײַנ היימ, געפאנצערטער פיראט,
אונ מיט דײַנ ברוינעמ גיר אפ שטענדיק זיכ געזעג::!

דו וועסט אינערגעצ ניט דערשווימענ צו קיינ ברעג,
ווי ס'זאָל די וואכ דיכ ניט פארדעקנ אונ פארטײַענ.
וועסט אויסברעכנ אינ יאמ דײַנ רויבעריש פארמעג,
דײַנ רויבער-שיפ וועט פריר זיכ אָנעסנ מיט פײַער.

מאטראָסנ טשאטעווענ אפ דיר פונ ברידער-לאנד,
געוואג איז זייער וועג אונ דומ איז זייער מאמע.
פארקישעפט האָבנ זיי דעמ גיפט אינ מויל באמ שלאנג,
באצוווּנגענ האָבנ זיי דעמ טויט אינ טיפ פונ יאמענ.

זיי שטארבנ ניט. דאָס לעבנ גיבנ זיי אוועק,
זיי גיסנ איבער זיכ ווי בלוט אינ לאנד, ווענ נאָר זיי קענענ.
עס האקט דער טויט ניט איבער זיי דעמ וועג,
ווײַל זייער הויכנ מוט דער טויט איז אונטערטעניק.

פארפלייצנדער פונ יאמ איז זייער צאָרנדיקער דראנג
אונ שטארקער זייער האס פונ טויט איז אונ פונ פײַער.
מיט גיפט מיט דײַנעמ, שווימענדיקע שלאנג,
פארגיפטיקנ זיי וועלנ דיכ, פארניכטנ דיכ אינדרײַענ.

די ביינער דײַנע אויסשפײַענ דער אָפגרונט וועט,
ווי ס'שפײַענ פיש אונטערנ וואסער אויס דײַנ פעל דאָרט, —
פאר יעדנ בערגל אש פונ אונדזערע פארברענטע שטעט,
פאר יעדנ זאנג פאר דעמ צעטראָטענעמ אפ פעלדער!

א קראָ אינ מויל טראָגט קיינ גערמאניע א בלאט,
אז צוגעדעקט איר שאנד דער יאמ האָט איבער ברעגנ.
— פארגעס דעמ וועג צוריק, געפאנצערטער פיראט,
אונ מיט דײַנ אָנגעהעריקײַט צו מענטשנ זיכ געזעגנ!

★✦★

## דער געפאנגענער

קיינ פראגעס ניט פאראנענ זײַנענ מער.
עס זײַנענ אויכגעשעפט שוינ אלע, ביזקל איינער, —
נאָר ס'קומט ניט קיינ באשייד: — מע האָט דאָכ צומ פארהער
קיינ כײַע ניט געשטעלט אונ ניט ארויסגערופנ קיינמאָל!